


# דער אוצר

כתה ה׳ - סוכות תשע״ב

## אוצר המועדים

**במסורה ג׳, כי בסכות הושבתי, כי ברחוב נלין, כי נר מצוה ותורה אור:**

דער **חיד״א** ז״ל איז מסביר די מסורה, אז עס זענען דא דריי מצוות וואס די הלכה איז אז זיי זענען כשר ביי 10 טפחים, און העכער צוואנציג אמות זענען זיי פסול.

די דריי מצוות זענען **נר חנוכה, עירוב, סוכה**. וסימנך **י.כ.ל.מ.נ.ס.ע.פ.** וואס דאס איז ראשי תיבות **י׳ כ**׳שר, **ל**׳מעלה **מ**׳עשרים **נ**׳ר **ס**׳וכה **ע**׳רוב **פ**׳סול.

דאס איז דער פשט אין די מסורה: **כ״י** איז ר״ת **י׳ כ**׳שר, **כ׳** אמות **י׳** טפחים. וואס קומט מרמז זיין אויף די דריי מצות. **כי בסוכות הושבתי**, איז מרמז אויף מצות סוכה. **כי ברחוב נלין**, איז מרמז אויף מצות עירוב. **כי נר מצוה**, איז מרמז אויף נר חנוכה. ביי די דריי מצות איז די הלכה אז י׳ כשר, למעלה מעשרים פסול.

➢•➣

דער **חיד״א** ברענגט בשם **ספר קדמון כתב יד**, אז אין דעם ווארט **״סכה״** זענען מרומז די אופנים פון די מחיצות פון די סוכה. דאס בעסטע איז ווען מען מאכט פיר ווענט פאר די סוכה אז דאס זאל אויסזעהן ווי דער אות **ס׳**. טייל מאכן נאר דריי ווענט צו די סוכה אזוי ווי דער אות **כ׳**, וועלכע האט אויך נאר דריי זייטן. טייל מאכן די ווענט פון די סוכה צוויי גאנצע ווענט, און דער דריטער וואנט איז נאר איין טפח, אזוי ווי דער אות **ה׳**.

דער **בני יששכר** פירט אויף דעם אויס, אז מען קען זעהן לויט דער סדר פון דאס ווארט **״סכה״** אז דאס חשוב׳סטע איז, אז מען מאכט פיר גאנצע ווענט, דערנאך דריי ווענט, דערנאך צוויי ווענט און די דריטע נאר א טפח.

*(בני יששכר מאמר י׳ אות י״ב)*

## אוצר החג

### שמחת יום טוב

הגאון מווילנא זי״ע האט מברר געווען, אז די שווערסטע מצוה פון די תרי״ג מצוות, איז צו זיין גאנץ יום טוב - אלע אכט טעג - פרייליך. די מצוה איז, אז מען זאל אפילו נישט קיין איין רגע פון גאנץ יום טוב, טראכטן פון קיין שום זארג און צער, אדער טרויער. קיין שום זאך וואס קען צושטערן די שמחת יום טוב.

(דברי שלום עמ׳ ל״ו)

## אוצר הידיעות

### ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה

איינע פון די מצות, אינעם יו״ט סוכות, בזמן שבית המקדש היה קיים, איז געווען **״ניסוך המים״**. נאך וואס מ׳האט געענדיגט צו אפרעכטן דעם גרויסן שמחת בית השואבה, איז מען ארויס שעפן וואסער, און דאס האט האט מען געגאסן אויפן מזבח. מיר ווילן דא אראפברענגען דעם גאנצן סדר, ווי אזוי עס איז צו געגאנגען די מצוה פון ניסוך המים, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא און אין מאמרי חז״ל.

אין **״ערוך לנר״** (דף נא: ד״ה והגיעו) ווערט געברענגט דעם סדר: צוויי כהנים זענען געשטאנען ביי דעם אויבערשטן טויער אין **״שער נקנור״**, [וואס גייט אראפ פון עזרת ישראל צום עזרת נשים] וואס איז געווען העכער פונעם פלאץ וואס מ׳האט געטאנצט, און האבן געהאלטן צוויי זילבערנע טרומפייטן אין די הענט, און ווען דער האן האט געקרייט [עלות השחר, מהרש״ל] האט מען אויפגעהערט צו זינגען און שפילן מיט די כלי זמר און עס איז געווארן שטיל, און די צוויי כהנים האבן געבלאזן **״תקיעה תרועה תקיעה״** פאר א סימן אז דער גאנצער עולם זאל יעצט גיין צום וואסער שעפן, וואס מען וועט גיסן אויפ׳ן מזבח, און די לויים האבן אנגעהויבן אראפ צו גיין די טרעפ, און ביי יעדע טרעפ וואס זיי זענען אראפ געגאנגען האבן זיי געזאגט איין **״שיר המעלות״**.

ביי דעם צענטן טרעפ האבן זיי זיך אפגעשטעלט און מען האט דעמאלט געזאגט דעם צענטן שיר המעלות, וואס דארט שטייט **״יבשו ויסגו אחור״**, [זאלן זיך שעמען און זאלן זיך אפציען צוריקווערטס], **״כל שנאי ציון״**, [אלע גוים וועלכע האבן פיינט די אידן וואס קומען פון ציון] **״ולא אמרו העברים״**, [און די וועלכע גייען פארביי זאגן נישט] **״ברכת ה׳ אליכם״** [די ברכה פון השי״ת איז אויף אייך], **״ברכנו אתכם בשם ה׳״**, [מיר בענטשן אייך אין נאמען פון השי״ת], אבער מיר זענען נישט קיין שונאים פאר ציון און מיר ווענדן אונזערע אויגן צו השי״ת נישט אזוי ווי אונזערע עלטערן וואס האבן פארשעמט דאס בית המקדש.

ביים צענטן טרעפ האט מען געבלאזן נאכאמאל **״תקיעה תרועה תקיעה״**, און פון דעם צענטן טרעפ איז מען אראפגעגאנגען ביז צום עזרת נשים, די צוויי כהנים זענען געווען צום ערשט און אונטער זיי אלע אידן, דעמאלט האט מען צום דריטן מאל געבלאזן **״תקיעה תרועה תקיעה״**, און נאכדעם איז מען געגאנגען פון עזרת נשים ביז צום טויער וואס גייט ארויס פון עזרת נשים ביז צום הר הבית, וואס איז געווען אויף מזרח זייט.

ביי דעם טויער איידער זיי האבן זיך אויסגעדרייט אויף מזרח זייט צו גיין שעפן וואסער, האבן זיך אלע אפגעשטעלט און אויסגעדרייט פון מזרח מיט דעם פנים צו מערב [וואס דארט רוהט די שכינה אין היכל פון קדשי הקדשים], און האבן געזאגט "וידוי" אויף די עבירות, אויב האבן די כהנים נישט גענוג נוהג כבוד געווען אין ערשטן בית המקדש, און זיי האבן אזוי געזאגט: "אונזערע עלטערן וואס זענען געווען אויף דעם פלאץ זענען געשטאנען מיט זייער רוקן צום היכל צו פארשעמען דאס בית המקדש און זייערע פנים׳ער זענען געווען צו מזרח, און האבן זיך געבוקט צו מזרח זייט צו די זון" (יחזקאל ח, טז) רבי יהודה זאגט אז זיי האבן געזאגט **״אנו ליה״** [מיר זענען צו השי״ת] **״וליה עינינו״** [און צו השי״ת זענען אונזערע אויגן].

[פארזעצונג אין קומענדיגן עמוד]

**א פרייליכן יו״ט און א גוט קויטל פאר אלע טייערע קינדער שיחיו**

# המשך אוצר הידיעות

ווען עס איז ליכטיג געווארן איז מען געקומען צום קוואל וואסער וואס הייסט **"מי השילוח"** און מען האט אנגעשעפט וואסער מיט א גאלדענעם בעכער וואס אנטהאלט דריי [לוג] קווארט, און מען איז צוריק געקומען ביז צום הר הבית, און פון דארט איז מען געגאנגען ביז צום עזרת נשים, און מען איז ארויף אויף די פופצן טרעפ ביז מען איז אנגעקומען צום טויער וואס מען האט גערופן **"שער המים"**.

א גאנץ יאר איז דער טויער געווען פארשפארט, מען האט עס נאר געעפנט לכבוד סוכות, כדי מען זאל קענען אריינברענגען די וואסער וואס מען האט אנגעשעפט צו גיסן אויפן מזבח, און ווען מען איז געשטאנען ביי דעם טויער האט מען געבלאזן **"תקיעה תרועה תקיעה"**, און דערנאך איז מען אריין אין די עזרה מיט די וואסער.

ביז דערווייל האט אן אנדערער כהן גע'שחט'ן דעם קרבן תמיד, וואס מען פלעגט יעדן טאג שחט'ן אין בית המקדש, און מען האט געשפריצט די בלוט אויפן מזבח, און נאכדעם וואס מען האט די אברים ארויף געלייגט אויפן מזבח, איז דער כהן, וואס האט געהאט אין זיין האנט די פלאש וואסער, ארויף געגאנגען אויף די שטאפעל, ארויף צו גיין אויף דעם מזבח.

ווי דער כהן איז ארויף געקומען אויף דעם מזבח, האט ער זיך געקערט צו די לינקע זייט ביז צום ווינקל דרום און מערב.

דארט איז געווען צוויי זילבערנע בעקנס, וואס האבן געהאט דעקלעך מיט לעכער, די לעכער זענען נישט געווען איינגע, איין לאך איז געווען ברייטער פונעם צווייטן, אין דעם בעקן וואס די לאך איז געווען ברייטער האט דער כהן אריין געגאסן די דריי לוגין וויין, און אין די אנדערע בעקן האט דער כהן איבער-געגאסן פונעם גאלדענעם פלאש דריי לוגין וואסער, דערנאך האט דער כהן גענומען דעם פלאש מיט וויין אין זיין רעכטע האנט - וואס איז צו מזרח זייט פון די עזרה. און די פלאש מיט וואסער אין זיין לינקע האנט - וואס איז צו מערב זייט פונעם היכל, און האט אויפגעהויבן זיינע הענט כדי יעדער זאל קענען זעהן די "ניסוך המים" און האט געגאסן די וויין מיט די וואסער אויף איינמאל צום "שיתין" דער יסוד פון דעם מזבח, וואס איז געווען זייער טיף ביז צום תהום דער אפגרונד, וואס איז נאך באשאפן געווארן פון "ששת ימי בראשית" אז מען זאל דארטן אריינגיסן די וואסער סוכות ביי שמחת בית השואבה.

די גמרא (סוכה נג.) ברענגט אין נאמען פון רבי יוחנן, אז ווען דוד המלך געגראבן דעם יסודות פונעם מזבח ביז צום תהום, איז דער תהום ארויף געשוואומען און האט געוואלט פארשווענקען די וועלט מיט וואסער, [רבי יוחנן האלט אז דוד המלך האט דאס געגראבן און דאס איז נישט פון ששת ימי בראשית, אדער קען זיין אז דאס איז פארשטאפט געווארן, און דוד המלך האט דאס אויפגעשטאפט, רש"י].

און דעמאלט האט דוד המלך מתפלל געווען די פופצן שיר המעלות פון ספר תהלים, און ער האט צוריק אראפ-געשטופט דעם וואסער ביז צום תהום.

די גמרא (תענית כה:) ברענגט אין נאמען פון רבי אלעזר, אז ווען מען האט געגאסן די וואסער אין דעם אפגרונד, האט איין אפגרונד געזאגט פארן אנדערן **"אבע מימך"** - קוואל דיין וואסער, א קול פון צוויי גוטע פריינד הער איך יעצט, ווען מען גיסט יעצט די וואסער און די וויין פון די נסכים.

און כאטש וויין איז געדיכט און גיסט זיך נישט אזוי שנעל ווי וואסער, אבער אזוי ווי די לעכער זענען נישט געווען איינגע, נאר די בעקן פון די וויין איז געווען ברייטער פון די אנדערע, זענען ביידע בעקנס אויף איינמאל ליידיג געווארן.

ווען דער כהן האט געגאסן די נסכים אויפן מזבח, זענען די לויים געשטאנען אויפן דוכן, פון דעם זייט פונעם מזבח, און האבן געזינגען מיטן מויל, און מיט ניין און דרייסיג מיני כלי זמר, יעדן טאג סוכות האבן זיי געזינגען די שיר פון יענעם טאג מזמור לדוד, און זיי האבן צוויי מאל זיך אפגעשטעלט אינמיטן דעם מזמור, און מען האט געבלאזן **"תקיעה תרועה תקיעה"**, און ווען מען האט געענדיגט דעם מזמור האט מען געבלאזן א דריטן מאל **"תקיעה תרועה תקיעה"**, און אלע וואס זענען געווען אין די עזרה ווען מען האט געבלאזן שופר האבן זיך דעמאלט געבוקט פאר השי"ת

ווען די לויים האבן געענדיגט זינגען, זענען זיי אהיים געגאנגען זייער פריליך, און האבן געוואונטשן איינער פארן צווייטן **"יברכך ה' מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך וראה בנים לבניך שלום על ישראל"**.

# אוצר הגנוז

## מעלות וקדושת הסוכה

ווער עס איז מקיים די מצוה פון סוכה, ווערט א שותף צו השי"ת אין די מעשה בראשית.

*(שו"ת מהר"י ווייל סי' קצ"א)*

*

ווער עס איז מקיים די מצוה פון סוכה אויף די וועלט, וועט השי"ת אים באשיצן פון די מזיקין, זיי זאלן אים נישט שעדיגן.

*(פסיקתא דרב כהנא, פסקא דסוכות)*

*

ווער עס זיצט אין די שאטן פון די סוכה, וועט אים די שכינה ארום נעמען און באשיצן ווען ער וועט דאס דארפן.

*(זוהר הקדוש ח"ב דף קפו:)*

*

די סוכה מיט די ווענט זענען הייליגע שמות פון השי"ת און ווען א מענטש גייט אריין אין דעם, איז ער ארום גענומען מיט די ליכטיגקייט און הייליגקייט פון השי"ת.

*(ייטב לב, אמור ד"ה וז"ש)*

*

דורך די סוכה קען מען מעורר זיין דעם גרויסן אור הגנוז פון בריאת העולם.

*(תפארת שלמה)*

*

יעדער לויט זיין מדריגה רוהט אויף אים די שכינה ווען ער זיצט אין די סוכה.

*(מגן אברהם)*

*

יעדער וואס זיצט אין די סוכה ווערט געבענטשט מיט ברכות פון השי"ת.

*(זוה"ק פ' אמור)*

*

דורך דעם וואס מען זיצט אין די סוכה, איז מען ממשיך אויף זיך קדושה און דביקות אויף א גאנץ יאר.

*(מאור ושמש)*

*

וויבאלד די סכך איז פון א זאך וואס איז נישט מקבל טומאה, דערפאר היט די סכך אויף די אידן פון טומאה.

*(ראשי בשמים)*

*

די מצות סוכה איז מבטל די שלעכטע דיעות און אמונות כוזבות.

*(אגרא דכלה)*

*

פון מצות סוכה איז מען ממשיך שמחה אויף א גאנץ יאר.

*(מגן אברהם)*

*

די מצות סוכה איז מסוגל, מבטל זיין דעם יצה"ר פון תאוה פון עסן.

*(פרי צדיק)*

*

די קדושת הסוכה איז זייער גרויס, ווי די גמרא זאגט (סוכה ט.) רבי יהודה בן בתירא זאגט, אז אזוי ווי עס איז חל "שם שמים" א קדושה אויף א קרבן חגיגה, אזוי אויך איז חל דער "שם שמים" די קדושה אויף די סוכה. קומט אויס אז דער וואס זיצט אין די סוכה איז ארום גענומען מיט א אויר פון קדושה.

*(ראשית חכמה שער הקדושה פי"ד)*

*

וואויל איז דעם וואס לערנט תורה אין די סוכה, ווייל דער וואס זיצט אין די סוכה לשמה און פריידט זיך מיטן יום טוב, דעם וועט ארום נעמען א וואלקן פון השי"ת אויף זיין סוכה, וואויל איז דער וואס זעהט דאס טאקע, כאטש מיר זעהן דאס נישט, אבער עס איז זיכער און אמת.

*(יערות דבש ח"א דרוש ו)*

*

די מצוה פון סוכה איז די כלל פון די גאנצע תורה, און דורך איר זענען מיר באהאפטן אין השי"ת.

*(זרע קודש סוכות דף נ"ו:)*

# דאס פארברענטע תהלים'ל

דער גרויסער שטאטישער שוהל, איז געפאקט פון ברעג צו ברעג און די שטופעניש און געדראנג איז גרויס. און כאטש וואס אינדרויסן הערשט א קאלטער און רעגנדיגער וועטער, שוויצט מען דארט, פון די שרעקליכע היץ. די חסידים, פון נאנט און פון ווייטן - זענען זיך געקומען מסתופף זיין 'בצילא דמהימנותא' פון דעם צדיק - רבי ישראל פון רוזשין, אויף גאנץ סוכות. אויף שמחת תורה איז צוגעקומען נאך א גרויסער צאל אידן, זיך צו פרייען אינאיינעם מיט די תורה און מיטהאלטן די פייערדיגע הקפות פון רבי'ן.

נישט בלויז די נאנטע חסידים זענען געקומען, געקומען זענען אויך, א גרויסער עולם וואס וואוינט אין די שטעטלעך און דערפלעך ארום. די פשוט'ע דארפס אידן, וועלכע זענען אויך נישט מוותר אויף קיין איין געלעגנהייט, צו פייערן צוזאמען מיט דעם רבי'ן א יום טוב און אוודאי נישט אזא יום טוב ווי שמחת תורה. דערצו, ווען מען האט אזא זכיה צו אנרירן און קושן די הייליגע ספר תורה פון רבי'ן, אויף וועלכע מען זאגט, אז עס איז א ירושה נאך פון זיין הייליגן עלטער זיידן, דער מעזריטש'ער מגיד, וואס האט עס באקומען פון זיין הייליגן רבי'ן, דער בעל שם טוב הק'.

גאר אלט קוקט אויס די הייליגע ספר תורה. דאס סחורה'נע מענטעלע פון סאמעט, איז שוין אויך אפגעריבן און ווען מען בייגט זיך אראפ צו קושן די ספר תורה, כאפט א הייליגער ציטער. די ספר תורה ווערט איבער געגעבן פון האנט צו האנט ביי די גאר חשוב'ע תלמידים, ביז ווען עס קומט אן צום צדיק, וואס נעמט עס איבער און הויבט אן זאגן מיט א פייערדיגע התלהבות: "אתה הראת לדעת..."

אבער דאס יאר, איז עפעס אנדערש געשעהן. די ספר תורה איז נאך א לאנגע "איבער-געבונג" אנגעקומען צום צדיק, וואס האט עס איבערגענומען מיט א הייליגן פארכט. ווען עס איז אבער שוין געווען אין זיינע הענט, האט ער נישט אנגעהויבן צו זאגן דעם "אתה הראת", נאר זיך געשטעלט נעבן דעם ארון הקודש, מיט די ספר תורה אין האנט און געווארט. די חסידים, וועלכע האבן אין אנפאנג געמיינט, אז דער צדיק גרייט זיך מיט העכערע הכנות צו די הייליגע הקפות - האבן געדולדיג געווארט און פראבירט אויך זיך אליין צו גרייטן, יעדער לויט זיינע מדריגות, צו די הייליגע עבודה. אבער דער רבי יאגט זיך אינגאנצן נישט - ער שטייט געדולדיג אין זייט אוןווארט אויף איינעם.

געווען איז עס אין א שמחת תורה, אין וועלכע עס האט אינדרויסן געהערשט א געפערליכער שטורעם. די שטארקע און האסטיגע רעגנס אן אויפהער, האט פאראורזאכט טיפע בלאטעס, וועלכע האבן דערגרייכט כמעט ביז צו די קניהען. טראץ דעם, האט דער עולם - וואס קומט יעדעס יאר צום רבי'ן - זיך נישט אפגעהאלטן און איז געקומען צו די הקפות ביים רבי'ן. אויב אזוי - וואונדערט זיך דער עולם - אויף וועמען ווארט דער רבי? דאכט זיך, אז יעדער - וואס קומט געווענליך - איז שוין דא. אבער מינוטן לויפן נאך מינוטן און דער צדיק ווייזט נישט קיין צייכן, אז ער גרייט זיך צו אנהויבן מיט די הקפות.

עס גייען פארביי עטליכע שעה, דער עולם ווערט שוין אומגעדלודיג. די קינדער ווערן מיד, מען שטופט זיך אין דעם דערשטיקטן בית המדרש, אבער גארנישט רירט זיך נישט. ענדליך, ווען דער זייגער ווייזט שוין אויף נאנט צו חצות, עפנט זיך די טיר פון שוהל און א דארפסמאן קומט אריין, דורכגעווייקט און פארבלאטיגט פון קאפ ביז פיס. ער איז נישט געקומען אליין, דער דארפסמאן, נאר מיטגעשלעפט מיט זיך זיין קליין קינד, פון וועלכן עס ברענגט מיט זיך א ריח פון סמאלע, ווי ער וואלט יעצט ארויס-געקומען פון א פייער.

דער דארפסמאן קומט אריין און קוקט זיך ארום א פארוואונדערטער. לויט זיין חשבון, האט מען שוין געדארפט האלטן טיף אינמיטן די געהויבענע הקפות און דא קוקט אויס, ווי מען האט נאך אינגאנצן נישט אנגעפאנגען.

ווי דער צדיק האט דערזעהן דעם דארפסמאן, איז זיין פנים אויפגעלויכטן געווארן. ער האט באלד געהייסן, מען זאל מאכן פלאץ פאר דעם דארפסמאן, צו אנקומען ביז צום ארון הקודש. דער דארפסמאן גייט צו אינגאנצן צומישט, ער פארשטייט נישט וואס טוהט זיך דא; פארוואס מען נעמט אים אויף מיט אזויפיל כבוד, ווען עס שטייען דא פון די געהויבנסטע תלמידים פונעם רבי'ן.

דער רבי נעמט אים אויף מיט א ליבליכן שמייכל און גיט דאס קינד מיט ליבשאפט א 'קניפל' אין בעקל.

ענדליך גרייט זיך דער צדיק צו אנפאנגען די הקפות. ער גיט איבער פאר דעם דארפסמאן צו האלטן די הייליגע ספר תורה. און אזוי, ווען אין איין האנט האלט ער דאס קינד און אין די צווייטע האנט די ספר תורה - וועלכע דער צדיק האלט אונטער, רופט אויס דער צדיק מיט א פייערדיגע שטימע: "אתה הראת לדעת, כי ד' הוא האלקים... אנא ד' הושיעה נא" - און קהל זאגט נאך מיט גרויס התלהבות.

אזעלכע געהויבענע הקפות, האט מען שוין לאנג נישט געזעהן אין רוזשין. דער צדיק האט געטאנצט מיט א פייערדיגע התלהבות און גרויס שמחה, ארויס ווייזנדיג א באזונדערע נאנטקייט צום דארפסמאן און זיין קליין אינגל.

שפעט אין דער נאכט, האבן די הקפות זיך געענדיגט. ערשט דאן האט דער צדיק גענומען פירן די יום טוב'דיגע סעודה פאר דעם עולם. האלטנדיג שוין אינמיטן די סעודה, האט ער צוגערופן דעם דארפסמאן נעבן זיך און געהייסן דערציילן זיין געשיכטע.

* * *

זיצט דער מלמד אין דעם לערנען צימער, איינגעבויגן איבער דעם אלף-בית, צוזאמען מיט דעם דארפסמאנס אינגל און פראבירט צו אריין פאמפען אין זיין פארמאכטן קאפ די אלף-בית, ער זאל כאטש קענען דאווענען פון א סידור. ער פארמאכט אבער ווידער דעם ספר, מיט א יאוש'דיגן קרעכטץ. פארפאלן, דער אינגל וועט שוין קיין גרויסער למדן נישט זיין, אפילו א שטיקל חומש - זעהט אויס – וועט ער נישט פארשטיין. עס איז א שאד די כוחות וואס ער לייגט אריין אין אים. עס וואלט פיל געוואונטשענער געווען, זיך צו ארויס לאזן אויף דער גרויסער וועלט און זוכן א צווייטן וועמען צו לערנען. זאל כאטש זיין פלאג, באגלייט ווערן מיט ערפאלג. עפעס זאל ארויס קומען פון די אומגעהויערע כוחות וואס ער ווידמעט, צו אריין לייגן אביסל תורה אין די דארפישע קינדער.

ארויס גייענדיג פון צימער, טרעפט ער זיך אן אין דעם טאטן. מיט א מיט-פילנדע שטימע טיילט ער אים מיט, וועגן זיינע לעצטע דערגרייכונגען, אדער בעסער געזאגט, איבער דער שוואכער פארשריט וואס זיין זוהן מאכט ביים לערנען.

"בעסער זוכט אויף פאר אייער זוהן, א אנדער באשעפטיגונג" - פירט ער אויס - "די ערפאהרונג האט שוין פיל מאל געוויזן, אז אויך אזעלכע וואס האבן נישט פארשטאנען צום לערנען, האבן ביי מסחר זייער מצליח געווען. איך פון מיין זייט, האב מיין פליכט פארענדיגט מיט אים!"

דער טאטע, קען קוים איינהאלטן א טיפן זיפץ. טאקע א דארפסמאן, אבער ער האט אלץ געהאפט צו זעהן פאר זיין זוהנדל, א בעסערער צוקונפט ווי אים - ער זאל שטייגן אין תורה און לערנען אין א ישיבה. אך, נאר איין נחת האט ער געוואלט האבן פון אים, ער זאל ווערן א ישיבה בחור - אבער עס גייט נישט. ער האט שוין געדונגען עטליכע מלמדים און יעדער - נאך עטליכע וואכן נישט זעהן קיין דערגרייכונגען - גיט אים די זעלבע "דיאגנאז", אז זיין אינגל כאפט נישט אויף דאס לערנען און עס איז א שאד די כוחות וואס מען לייגט אין אים אריין.

איך וועל פארן צום רבי'ן! - באשליסט ער ביי זיך מיט א צובראכן הארץ - אפשר וועט מיר דער צדיק קענען העלפן.

מיט-נעמענדיג זיין קליין אינגל, איז דער דארפסמאן אריבער געפארן צו דעם נישט ווייטן שטאט רוזשין און איז אריין צום רבי'ן, אויסגיסן זיין צובראכן הארץ.

"רבי" - האט ער געוויינט מיט זודיגע טרערן - "מיין אינגל פארשטייט נישט קיין איין

אות פון סידור. ער כאפט נישט אויף וואס מען לערנט מיט אים. וואס וועט זיין?! ער קען, חלילה, אויסוואקסן א גוי גמור, ווי די אנדערע גוים אין דארף..."

דער צדיק הערט אויס דאס פארוויטאגטע הארץ פונעם דארפסמאן, און גיבט אים א גוטע עצה: ער זאל קויפן פאר דעם אינגל א 'תהלים' און דערצו זאל דאס קינד שפירן א ליבשאפט.

די מתנה וואס זיין טאטע האט אים געקויפט, האט טאקע פארנומען דעם חשוב'סטן ארט ביים קינד. ער האט עס געליבט און געהיט ווי דאס שווארץ-אפל פון זיין אויג. ביי יעדע געלעגנהייט, פלעגט ער עס ארויס נעמען פון שופלאד און הארציג געקושט - שפירנדיג א נאנטקייט צו דעם קליינעם און הייליגן תהלים'ל.

געווען איז עס אום הושענא רבה אינדערפרי, ווען דער דארפסמאן האט פלייסיג געארבעט אין זיין פעלד, צו דערגרייכן די וויכטיגע ארבעט, וואס ער וועט נישט קענען ארבעטן אין די טעג פון יום טוב. מיט אמאל שפירט ער א דערשטיקטן ריח פון פייער, וואס קומט פון דעם ריכטונג פון דארף. דער דארפסמאן הויבט אויף זיינע אויגן און זעהט פונדערווייטנס, א געדיכטער שווארצער רויך. אזא געניטער דארפסמאן ווי ער, פארשטייט וואס דאס מיינט: א פייער האט אויסגעבראכן און ברענט שוין א שטיק צייט.

איין זאך וואונדערט אים אבער: פארוואס די קלויסטער-גלאקן קלינגען נישט, צו רופן די איינוואוינער פארלעשן דעם פייער, ווי דער שטייגער איז ווען עס ברעכט אויס א פייער אין דארף. ער וויל זיך אומקערן צו זיין ארבעט, ווען פלוצלינג שפרינגט ער אויף ווי א געביסענער פון א שלאנג: עס מוז זיין, אז זיין הויז ברענט, נישט קיין וואונדער, אז די גלאקן קלינגען נישט און קיינער קומט אים נישט מעלדן - ער איז דאך פון די איינציגע אידן אין דארף, פאר וועמען דער "קלויסטער" האלט זיך נישט ביים אננעמען...

מיט די גרעסטע כוחות וואס ער האט נאר פארמאגט, האט ער גענומען לויפן צום דארף אין איין אטעם, האפנדיג, נאך צו קענען ראטעווען עטוואס פון זיין פארמעגן. און יא, זיין השערה איז געווען א ריכטיגע. אנקומענדיג צו זיין הויז, האט ער עס געטראפן אין א ריזיגן פלאקער. עס איז שוין נישט געווען וואס צו טאן, ער האט בלויז געקענט שטיין און באדויערן זיין גאנצן פארמעגן וואס גייט ארויף מיט דעם רויך. די איינוואוינער פון דארף זענען זיך אלע צוזאמען געלאפן זעהן, ווי דעם אידנס פארמעגן גייט אויף אין רויך, קוועלנדיג פון יעדע סעקונדע פון די אינטערעסאנטע סצענע. אבי זייערע הייזער, זענען נישט אנגערירט און געשעדיגט געווארן. זיי זענען נאך טאקע געקומען גענוג פרי, ווען דער פייער איז נאך געווען גאנץ קליין, אז מען זאל עס קענען אויסלעשן, אדער כאטש ארויס ראטעווען פון הויז וואס מען קען נאר. זיי האט אבער ווייניג וואס געאהרט, וואס דער אידנס פארמעגן ווערט פארברענט. פארקערט, עס האט זיי פארשאפט א עקסטערן פארגעניגן...

שטייענדיג דארט א צוטומלטער, אן צו וויסן פריער וואס צו טאן, כאפט זיך דער דארפסמאן פלוצלינג: די בהמות - זיי קען מען נאך אפשר ראטעווען... און ער נעמט זיך געשווינד לויפן צום שטאל.

עטליכע מינוט שפעטער, הערט זיך א האסטיגן קוויטש פון די גוים ארום. געשווינד לויפט ער צוריק צום ברענענדיגן הויז און יאגט נאך אן צו זעהן זיין קליין אינגל, אריין-שפרינגען אין ברענענדיגן הויז. די גוים קוקן זיך אן איינער דעם צווייטן, מיט פארוואונדערונג און שרעק אינאיינעם:

"דער קליינער נארישער דזשיד... שטעלט זיך איין דאס לעבן פאר דעם פארמעגן... ער וועט זיכער נישט ארויסקומען א לעבעדיגער..." - שושקען זיי.

דער דארפסמאן, שפירט א שוואכקייט אין זיינע ביינער. ער שפארט זיך אן אויף דעם דערנעבנדיגן צוים, טראכטנדיג, צו ער זאל אויך אריין לויפן אין הויז כדי צו ראטעווען זיין אינגל. אבער ביז וואס ווען, שפרינגט דער קליינער אינגל צוריק ארויס פון דעם פייער, האלטנדיג אין האנט דעם קליינעם אפגעברענטן תהלים'ל און זיינע קליידער ברענען שוין אין פייער.

זעהענדיג אזא וואונדערליכן בילד, ווי דער קליינער האט איינגעשטעלט זיין לעבן בלויז, צו ראטעווען זיין הייליגטום - זענען די גוים נישט געבליבן שטיין, נאר גלייך גענומען גיסן זאמד אויף דעם קליינעם, צו אויסלעשן דעם פייער וואס האט שוין געברענט אויף אים, שושקענדיג זיך איינער צום אנדערן: "דער קליינער, איז א הייליגער איד..."

מיט גרויסע נסים איז דאס קינד געראטעוועט געווארן אן קיין שאדן. עטליכע גרויסע בריהען האבן זיך צושפרייט אויף זיין קערפער, פאראורזאכנדיג אים נישט גרינגע שמערצן - אבער דאס קינד איז געווען איבער גליקליך, וואס ער האט מצליח געווען צו ראטעווען דעם טייערן תהלים'ל. אט דאס האט ער מיטגענומען מיט זיך קיין רוזשין, וואו פאטער און קינד האבן זיך באלד דערנאך ארויס געלאזט, צו מיטהאלטן מיט די פייערדיגע הקפות ביים רבי'ן.

"אצינד פארשטייט איר, פארוואס איך האב אפגעשטופט די הקפות און געווארט אזוי לאנג" - האט דער צדיק אויסגעפירט, ווען דער דארפסמאן האט פארענדיגט די ערציילונג - אויך אין הימל האט מען געווארט, אז דער קליינער מסירות נפש איד, וואס האט זיך איינגעשטעלט און מוסר נפש געווען צו ראטעווען זיין תורה, זאל קומען טאנצן מיט די הייליגע ספר תורה, אויף וואס ער איז באמת ווערד!"

* * *

*עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים, אז עס איז א גרויסע ענין צו פארמערן מיט צדקה ערב סוכות. אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט אין "מטה אפרים".*

*עס ווערט דערציילט, אז ביים הייליגן "דברי חיים" דער צאנז'ער רב זי"ע, האט פארנומען א גרויסער ארט פאר סוכות, דאס טיילן צדקה. ער האט צוגעלייגט א שיינעם רמז, אויף דעם שייכות פון צדקה צו סוכות, ווי פאלגנד:*

*די סוכה, איז לויט דער דין מן התורה, 2 דפנות - יעדע איינע 7 טפחים די ברייט, אויף 10 די הויך, און דער דריטער דופן - 1 טפח די ברייט, אויף 10 די הויך.*

*אלזא, יעדער דופן איז 7 אויף 10. צוזאמען קומט אויס 70 (7✕10=70). 2 דפנות איז 140, ווען מען רעכנט צו אויך דעם דריטן דופן (נאר 10), איז צוזאמען 150. ווען מ'זאל צורעכענען אויך די "סכך", וואס איז 7 אויף 7, איז 49.*

*צוזאמען קומט אויס 199 - "צדקה" באטרעפט אויף 199.*

*ווען מ'האט דעם צאנז'ער רב'ס ווארט איבער געזאגט פאר דעם גאון דער "אבני נזר" זי"ע, האט עס אים זייער געפאלן, און באלד דערצו צוגעלייגט:*

*אין סוכה גייט מען דאך אריין מיט די רמ"ח אברים, קען מען דאך דעריבער צורעכענען אויך די "קרקע הסוכה", וואס דאס האט אויך אין זיך א קדושת סוכה.*

*די קרקע הסוכה איז דאך אויך 7 אויף 7, ד.ה. 49. דאס צוזאמען מיט די 199, איז 248 - רמ"ח.*

# אוצר הטעמים

## יו"ט סוכות

### פארוואס איז סוכות "זמן שמחתינו"?

די אידן האבן אין די צייט עטליכע באזונדערע שמחות, זיי זענען יום הכיפורים ארויס ריין פון זייערע עבירות. אויך האט השי"ת אין די צייט פאר זיי מוחל געווען אויף דעם חטא העגל. און מיר זענען אין די צייט באפוילן געווארן אויפצובויען דעם משכן. און עס איז אויך די צייט פון איינזאמלען די תבואות.

*(אליה רבה)*

סוכות איז א צייט וואס מען שעפט זיך אן מיט רוח הקודש, און וויבאלד די שכינה רוהט נאר וואו עס איז דא שמחה, דערפאר איז דאס א צייט וואס מען זאל זיין בשמחה.

*(בני יששכר תשרי מאמר י' אות א')*

## מצות סוכה

### פארוואס באצירט מען די סוכה מיט נוי סוכה?

דער של"ה הק' זאגט, אז דאס ענין פון באצירן און שיין צו מאכן די סוכה און אנהענגען חשוב'ע פרוכטן, איז ווייל דאס ווייזט ווי חשוב און באליבט עס איז פאר אונז די מצוה, אז מען באצירט דאס און מען טוט עס באשיינען מיט וואס נאר מעגליך. דעריבער וואס מער מען פארמערט צו באצירן די סוכה איז מען געלויבט צו השי"ת.

*(שלה"ק)*

### פארוואס מאכט מען גאנץ סוכות "לישב בסוכה"?

פסח מוז מען נאר די ערשטע נאכט עסן מצה, אבער די אנדערע זיבן טעג פסח מוז מען נישט עסן קיין מצה, אויב מען וויל קען מען נאר עסן פרוכט, דערפאר מאכט מען נישט קיין ברכה אלע זיבן טעג אויף די מצה. אבער סוכות וואס די מצוה איז אויך אז מען זאל שלאפן אין די סוכה, און וויבאלד עס איז נישט מעגליך, נישט צו שלאפן זיבן טעג, דערפאר איז די מצוה פון סוכה א המשך פון זיבן טעג, מאכט מען אלע זיבן טעג א ברכה.

*(בעל המאור סוף מס' פסחים)*

פסח ווען מען עסט מצה, איז נישט ווייל מען וויל דערמיט מקיים זיין א מצוה, נאר ווייל מען איז הונגעריג עסט מען מצה, וויבאלד חמץ טאר מען נישט עסן. אבער סוכות ווען מיר זיצן אין די סוכה, איז נאר ווייל מיר ווילן מקיים זיין די מצוה, דערפאר מאכט מען אלע זיבן טעג א ברכה לישב בסוכה.

*(מטה משה)*

### פארוואס קומען די אושפיזא אין די סוכה?

סוכות איז א צייט פון שמחה מער ווי אלע אנדערע ימים טובים, ווייל אין דעם יום טוב זעהט מען דאס גרויסע ליבשאפט פון השי"ת צו די אידן, וואס השי"ת האט ארומגענומען די אידן מיט די זיבן ענני הכבוד מיט וואס זיין כסא הכבוד איז ארומגענומען. אין זוה"ק שטייט אז אין א צייט פון שמחה, פארטרייבט מען די אבות פון גן עדן צו די שמחה פון זייערע קינדער. דערפאר קומען די אושפיזא - אונזערע אבות - אין די סוכה צו די שמחה פון יום טוב סוכות.

*(דברי יואל, סוכות)*

## ד' מינים

### פארוואס נעמט מען ד' מינים?

ווייל ווען מען קומט ארויס פון א משפט, גייט דער זיגער מיט א גאלדענע שטעקן אין די האנט, וואס צייגט אז ער איז דער זיגער. און יום כיפור זענען סיי די אידן סיי די פעלקער אריינגעגאנגען צום משפט, און מען ווייסט נישט ווער עס איז ארויס דער זיגער. אבער ווען מען זעהט אז די אידן נעמען דעם לולב מיט דעם אתרוג אין די האנט, ווייסט מען שוין אז די אידן זענען ארויס די זיגערס.

*(מדרש רבה פ' אמור)*

נאך א טעם פארוואס מיר נעמען די פיר מינים: ווייל דער "אתרוג" איז גלייך צום "הארץ", קומט דאס צו פארציילען אויב מען האט געטראכט שלעכטע זאכן מיטן הארץ. דער "הדס", ווייל דאס איז גלייך צו די "אויגן", קומט דאס מכפר זיין אויף וואס מען האט געזינדיגט מיט די אויגן. דער "ערבה", ווייל דאס איז גלייך צו די "ליפן" קומט דאס מכפר זיין אויב מען האט גערעדט שלעכטס מיט די ליפן. דער "לולב", ווייל דער לולב האט נאר איין הארץ, אזוי אויך די אידן האבן נאר איין הארץ צו דינען השי"ת.

*(טעמי ומנהגים, בשם ספר המנהיג)*

### פארוואס בינד מען דעם לולב?

ווייל די פיר מינים ווייזן אויף פיר ערליי מיני אידן וואס זענען דא. דער אתרוג איז א פרוכט וואס האט א טעם און א גוטן גרויך, דאס ווייזט אויף מענטשן וואס האבן אין זיך תורה מיט גוטע מעשים. דער לולב האט א טעם אבער נישט קיין ריח, דאס ווייזט אויף מענטשן וואס האבן אין זיך תורה, אבער האבן נישט קיין גוטע מעשים. די הדסים, האבן א גוטן גרויך אבער האבן נישט קיין טעם, דאס ווייזט אויף מענטשן וואס טוהען גוטע מעשים, אבער זיי האבן נישט קיין תורה אין זיך. די ערבות האבן נישט קיין טעם און נישט קיין גרויך, דאס ווייזט אויף מענטשן וואס האבן נישט קיין תורה און האבן נישט קיין גוטע מעשים. האט השי"ת געהייסן, מען זאל זיי צוזאם בינדן אינאייניעם, אז איינעם'ס זכות זאל פארציילען אויף דעם אנדערן.

*(מדרש רבה)*

### פארוואס בינד מען דעם לולב מיט דריי רינגלעך?

דאס איז א רמז אויף די דריי מדריגות וואס עס איז דא ביי אידן, צדיקים, בינונים, רשעים. אלע דארפן זיין צוזאמען געבינדן איינער מיטן אנדערן.

*(המטעמים)*

### פארוואס בענטשט מען אתרוג אין די סוכה?

מען קען זאגן א רמז אויפן בענטשן אתרוג אין די סוכה, ווייל די מצוה פון לולב שטייט אין די תורה אינמיטן די פרשה פון די מצות סוכה.

*(יפה ללב ח"ב ס' תרנ"ב)*

## פארוואס מאכט מען די ברכה אויפן לולב?

ווייל דער לולב בוים, איז דער מלך פון אלע פירות ביימער, וועגן דעם מאכט מען די ברכה אויפן לולב.

*(רוקח)*

ווייל דער לולב איז דער עיקר, און די אנדערע מינים זענען נאר א טפל. דערפאר מאכט מען די ברכה אויף דעם לולב, וואס דאס איז די עיקר און מען פטר'ט דעם טפל.

*(מטה משה סי' תתקל"א)*

## פארוואס דרייט מען איבער דעם אתרוג ווען מען מאכט די ברכה?

ווייל מען דארף מאכן די ברכה איידער מען איז מקיים די מצוה, און אויב מען נעמט דעם אתרוג אזוי ווי דאס וואקסט, מיטן פיטום ארויף, וועט אויסקומען אז מען האט שוין מקיים געווען די מצוה, פאר מען האט געמאכט די ברכה. דעריבער פירט מען זיך, אז מען דרייט איבער דעם אתרוג פארקערט, אדער לייגט מען דאס נישט צוזאמען ביז נאך די ברכה, און אזוי מהאט מען נישט יוצא געווען די מצוה פאר מען האט געמאכט די ברכה.

*(אוצר המועדים)*

# הושענא רבה

## פארוואס ווערט דער פינעפטער טאג פון חול המועד סוכות אנגערופן "הושענא רבה"?

ווייל דאס ווארט "הושענא", ווערט צוטיילט אויף צוויי ווערטער, "הושע"-"נא". בעטן מיר ביי השי"ת אז ער זאל אונז העלפן. "נא", [נ"א באטרעפט איין און פופציג], אז די תפלות פון די איין און פופציג טעג, די ימי רחמים ורצון, וואס האבן זיך אנגעהויבן פון אנהייב ראש חודש אלול ביז הושענא רבה, זיי זאלן אנגענומען ווערן לטובה.

*(בני יששכר מאמר חותם מלא אות ג')*

נאך א טעם: ווייל אין דעם טאג פארמערט מען אסאך מאל דאס ווארט הושענא.

*(כף החיים)*

## פארוואס נעמט מען הושענא רבה אראפ די רינגלעך פונעם לולב?

ווייל ווען מען נעמט אראפ די רינגלעך, שאקלט זיך דער לולב שטערקער. און אזוי ווי הושענא רבה איז דער גמר חתימה, און מען בעט אויף וואסער, וויל מען אז דער לולב זאל זיך שאקלען שטערקער.

*(ב"ח)*

דאס קומט מרמז זיין, אז עס איז שוין פארטיג געווארן די חוב מן התורה צו שאקלען דעם לולב, און מיר שאקלען נאר מדרבנן.

*(חיד"א)*

דערמיט ווייזן מיר, אז אזוי ווי דער לולב ווען מען נעמט אראפ די רינגלעך, ווערט דאס צושפרייט, אזוי אויך זענען מיר אידישע קינדער צושפרייט צווישן די פעלקער, און מען דארף היינט בעטן, אז השי"ת זאל אונז שוין צוזאמען נעמען.

*(טעמי המנהגים)*

די ג' קשרים, מיט וואס מען בינדט צוזאם דעם לולב, איז פון א רינגל, וואס יעדע קשר איז אזוי ווי א סמ"ך. עס ווערט געברענגט אין נאמען פון הרה"ק רבי אליעזר דזיקוב'ער זי"ע, אז דער אות סמ"ך איז ראשי תיבות, ס'ליחה מ'חילה כ'פרה. דעריבער נעמט מען אראפ די רינגלעך פונעם לולב, פאר מ'זאגט די הושענות, כדי צו מעורר זיין סליחה מחילה כפרה.

*(כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, תשע"א)*

## פארוואס גייט מען ארום די בימה זיבן מאל?

א זכר פון בית המקדש, וואס מען פלעגט ארומגיין דעם מזבח מיט א לולב און ערבה זיבן מאל, וועגן שמחת החג וואס ווערט אנגערופן זמן שמחה.

*(לבוש סימן תר"ס ס"ב)*

## פארוואס נעמט מען די ערבות אלס הושענות?

ווייל ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען, איז געווען א מצוה צו ברענגען אין בית המקדש אלע זיבן טעג ערבות, און ארומרינגלען דעם מזבח דערמיט, און דערנאך דאס אויפצושטעלן נעבן מזבח. שבת האט מען דאס נישט געטאן. נאר ווען דער זיבעטער טאג איז אויסגעפאלן אום שבת דעמאלטס האט מען גענומען די ערבות און געשטעלט נעבן מזבח. א זכר צו דעם נעמט מען די ערבות פאר הושענות, דעם זיבעטן טאג פון סוכות.

*(אוצר המועדים)*

## פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה ווען מען קלאפט די הושענות?

ווייל עס איז נאר א מנהג נביאים, און אויף א מנהג מאכט מען נישט קיין ברכה.

*(שו"ע)*

דאס קומט נאר אוועק צו טרייבן דעם שטן. דערפאר מאכט מען נישט קיין ברכה דערויף, פונקט ווי מיר מאכן נישט קיין ברכה אויף מים אחרונים, וויבאלד די מים אחרונים קומט נאר אוועק צו טרייבן דעם "מלח סדומית".

*(פע"ח שער המועדים)*

## פארוואס קלאפט מען מיט די הושענות אויף דער ערד?

דערמיט ווילן מיר מרמז זיין, אז השי"ת זאל אויך צוקלאפן און פארניכטן און אראפנידערן ביז דער ערד, אלע שלעכטע דינים, אז זיי זאלן מער נישט זיין אויף דער וועלט.

*(תולעת יעקב)*

דאס קומט מרמז און מחזק זיין די אידן וואס זענען אין גלות, כאטש זיי האבן נישט קיין סאך תורה און מצות, פונדעסטוועגן דאך וויל השי"ת זיי חלילה נישט פארלענדן, נאר השי"ת קלאפט זיי צוביסלעך מיט יסורים, כדי די אידן זאלן תשובה טוהן, אבער השי"ת וועט זיי חלילה נישט אינגאנצן פארלענדן.

*(המטעמים)*

## פארוואס קלאפט מען די הושענות פינעף מאל?

מיר קלאפן נאר פינעף מאל מיט די הושענות, ממתיק צו זיין די פינעף גבורות, פון די פינעף ענדע אותיות, וואס זיי זענען ענדע מ"ם, ענדע נו"ן, ענדע צדי"ק, ענדע ף', ענדע כ"ף.

*(האריז"ל)*

הגליון נתנדב לעילוי נשמת
**האשה החשובה מרת אסתר ב"ר שמואל מאיר ע"ה**
נלב"ע יום א' דחג הסוכות תשנ"ג - תנצב"ה

# אוצר הצדיקים

## מצות סוכה

### דער מלאך מיכאל איז מעיד

די מתנגדים פונעם בעל שם טוב הקי' זי"ע זענען אמאל געקומען צום בעש"ט און זיי האבן אנגעהויבן אויפווייזן אז לויט די הלכה איז זיין סוכה פסול, דער בעש"ט האט זיי צוריק אויפגעוויזן אז לויט די הלכה איז די סוכה יא אויסגעהאלטן מיט אלע הידורים, אבער זיי האבן נישט נאכגעלאזט און ווייטער גע'טענה'ט אז די סוכה איז נישט כשר, ווען דער בעש"ט הקי' האט געזעהן אז זיי ווילן דוקא אויפווייזן לקנתר האט ער צוגעמאכט די אויגן און ארויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויפן קאפ אויף אפאר מינוט נאכדעם האט ער געעפנט די הענט און ארויס גענומען א שטיקל פארמעט, וואס איז געווען ארויפגעשריבן אויף דעם, "סוכה זו של הרב ישראל בעש"ט כשרה נאום מיכא' שר הפנים", די פארמעט איז אריבער בירושה צום הייליגן דגל מחנה אפרים, און ער פלעגט זיך באניצן מיט דעם אויף צו פועל'ן זאכן חוץ לדרך הטבע.

### מדה כנגד מדה

הרה"ק רבי יענקעלע פון פשעווארסק זצ"ל האט דערציילט בשם זיין שווער הרה"ק רבי איציק'ל זצ"ל, אז דער הייליגער בארדיטשוב'ער זי"ע האט געהאט אסאך געסט אין די סוכה, בעיקר ארחי פרחי'ס מכל המינים, ביז דאס געדרענג אין זיין סוכה איז געווען זייער גרויס, און פונדעסטוועגן האט ער קיינעם נישט ארויסגעשיקט, מיט זיין ארבעט צו טרעפן מליצות ישרות אויף כלל ישראל האט ער געזאגט, אז לעתיד לבא ווען ער וועט אריינגיין אין די סוכה פון עורו של לויתן, וועט מען אים וועלן ארויסשיקן, וועט ער דעמאלטס ענטפערן אז אויף דער וועלט האט ער אויך געהאט אלע מיני אורחים אין זיין סוכה און ער האט קיינעם נישט ארויסגעשיקט, וועגן דעם זאל דער באשעפער זיך פירן מיט אים מדה כנגד מדה און ער זאל אים אויך נישט ארויסווארפן פון די סוכה.

### צו ברעכן די הארץ פארן באשעפער

די ערשטע נאכט סוכות האט זיך אמאל הרה"ק רבי אברהם פון טריסק זי"ע (א זון פון הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זי"ע) אפגעשטעלט ביי די טיר פון די סוכה און נישט אריינגעגאנגען, די חסידים האבן זיך געוואונדערט, שטייט דאך מ'זאל בזריזות אריינגיין אין סוכה, און דא שטייט דער רבי אוןווארט, נאך אביסל ווארטן איז ער אריין. ביי די סעודה האט ער ערקלערט זיין אויפפירונג: "איך האב יום כיפור געזאגט "משול כחרס הנשבר", אז א מענטש איז געגליכן ווי א צובראכענער שארב, איז ווי אזוי מעג מען אריינגיין אין די סוכה, מ'טאר דאך נישט אריינברענגען שארבענע כלים אין די סוכה. דערנאך בין איך יא אריין, ווייל מיר ווייסן אז א כלי חרס וואס איז טמא געווארן קען מען נאר מטהר זיין דורך צוברעכן  די כלי, זעט מען אז א צובראכענע כלי חרס איז בעסער ווי א גאנצע כלי חרס, האב איך צובראכן מיין הארץ פארן באשעפער, וואס טוט נישט פארשעמען א צובראכן הארץ און אזוי האב איך געקענט אריינגיין אין די סוכה"...

### נישט געווארט מיטן עסן

אמאל האט גערעגנט די ערשטע נאכט סוכות, און הרה"ק רבי פנחס קאריצער זי"ע האט געטאן אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך, ער האט געמאכט קידוש, געגעסן א כזית חלה אין די סוכה, און דערנאך איז ער אריין עסן אין שטוב, אפאר מינוט נאכדעם האט זיך די רעגן אפגעשטעלט, האט זיך רבי פנחס אנגערופן: "איך האב געוואוסט אז דער רעגן וועט זיך אפשטעלן איך האב אבער נישט געוואלט ווארטן מיטן עסן כדי מען זאל נישט זאגן אז איך בין א נביא".

### אין הקב"ה מביא תקלה לצדיקים

כ"ק רבינו הגה"ק שליט"א האט דערציילט, אז ביי די ערשטע וועלט מלחמה ווען דער עצי חיים איז אנטלאפן פון שטאט סיגוט, האט ער זיך געטראפן ערב סוכות אין א שטאט מיטן קרן לדוד זצ"ל, האט מען אנגעהויבן צו רעדן וועגן א סוכה, איז מען געגאנגען זוכן ביז מען האט געטראפן א אידישע שטוב מיט א סוכה, די צוויי צדיקים האבן זיך זייער געפריידט צו קענען מקיים זיין די מצות סוכה, אבער אזוי ווי זיי זענען אריינגעקומען אין די סוכה, האט זיך באוויזן אויפן פנים פון עצי חיים א אומצופרידנקייט, דער קרן לדוד האט דאס גלייך באמערקט, האט ער געפרעגט דעם עצי חיים וואס ער איז נישט צופרידן, האט דער עצי חיים געענטפערט איך שפיר אז די סוכה איז נישט גענוג אויסגעהאלטן, האט מען אריינגערופן דעם בעל הבית, און מען האט אים אויסגעפרעגט ווי אזוי ער האט געבויעט די סוכה, האט ער געענטפערט אז קודם האט ער געבויעט די סכך, און נאכדעם די ווענט, ויהי לפלא.

### אפגעהיטן פון א מכשול

אום סוכות תשל"ו, אין איינע פון די נעכט ווען רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע איז אריין געקומען אין די סוכה צו פירן שולחנו הטהור, און דער רבי האט זיך געוואשן צום עסן איז פלוצלונג אראפגעפאלן א פלאש שמן פונעם דאך, דער עולם האט געמיינט אז קינדער דרייען זיך אויפן דאך, זענען זיי ארויס אינדרויסן צו הייסן די קינדער אראפגיין פון דאך, האבן זיי באמערקט אז וויבאלד ס'איז געווען א רעגן, איז די שלאק געווען אראפגעלייגט, און מען האט פארגעסן עס אויפצוהייבן, אזוי איז רביה"ק ניצול געווארן פון א מכשול.

### נישט געגעסן חוץ לסוכה

ביי די סעודה פון הושענא רבה, שנת תש"ב אין די שטאט סאטמאר, איז שוין געווען כמעט פארנאכט'ס ווען מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט זיך געוואשן צו די סעודה און האט זיך זייער לאנג אפגעווישט די הענט נאכן וואשן. עס איז געווען א גרויסע פלא ביי אלע אידן וואס זענען דארט געווען: עס איז שוין אזוי שפעט און דא ווישט זיך דער רבי די הענט אזוי לאנג? פלוצלינג האט זיך געהערט א קראך, דער שלאק פון די סוכה האט זיך פלוצלינג אראפגעלאזט און מען האט עס גלייך צוריק געעפנט. דעמאלטס האט מען פארשטאנען, אז אויב דער רבי וואלט זיך נישט אזוי לאנג אפגעווישט די הענט נאכן וואשן, וואלט ער אינמיטן אראפשלינגען די המוציא, געגעסן חוץ לסוכה מיט די פארמאכטע שלאק.

## אושפיזין

### צו דיר קומען דאך די אושפיזין

אין די הקדמה פון ספר הרי בשמים (פון הגה"צ ר"י גינז זצ"ל דער בעסערמינער רב), שרייבט ער אז ער האט אמאל אנגעפרעגט פון רביה"ק בעל ייטב לב זי"ע, צי ער זאל זאגן דעם נוסח פון איינלאדענען די אושפיזין פאר די סעודה, ווייל עס איז ידוע די הייליגע ווערטער פון זוהר הק', אז ווער עס רופט די אושפיזין און ער האט נישט ארימעלייט ביי די סעודה, שעלטן אים די אושפיזין אויף דעם וואס ער האט זיי גערופן, און וויבאלד ער עסט ביי זיין שווער, כאטש זיין שווער לאדנט אורחים צו זיין טיש, אבער ער - דער איידעם גיבט דאך נישט למעשה פאר די ארימעלייט צו עסן, דעריבער איז זיין שאלה ווי אזוי זאל ער זיך פירן מיטן זאגן די אושפיזין.  האט אים דער ייטב לב זי"ע געענטפערט, אז ער איז זיכער פטור פון רופן די אושפיזין, ווייל "אין אורח מכניס אורח" איין גאסט קען נישט איינלאדענען א צווייטן גאסט. בשעת מעשה איז דארטן געשטאנען רביה"ק בעל קדושת

יו"ט זי"ע, וועלכער איז נאך געווען רב אין טעטש, און איז געקומען אויף יו"ט צו זיין טאטן דער הייליגער ייטב לב, הערנדיג די שאלה מיט די תשובה, האט ער געפרעגט זיין טאטן דער ייטב לב: "אויב איך בין ביי דיר א גאסט זאל איך נישט זאגן קיין אושפיזין?" קודם האט דער ייטב לב גארנישט געענטפערט, דער ייטב לב האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטול און געגאנגען אין די סוכה אהין און צוריק, בערך א שעה צייט איינגעזונקען אין מחשבות און דער בעסערמינער רב האט אין די צייט פארברענגט אין לערנען מיטן הייליגן קדושת יו"ט. פלוצלינג האט זיך דער ייטב לב זי"ע אויסגעדרייט צום בעסערמינער רב און גיבט אים א קלאפ אויף די פלייצע, זאגנדיג: "ווייסטו וואס, דו קענסט דאך לערנען, צו דיר קומען זיי אזוי אויך, מעגסטו זאגן די אושפיזין".

## בצל כנפיך יחסיון

הרה"ק רבי מיכל'ע זלאטשוב'ער זצ"ל איז געווען שרעקליך ארעם. זיין הויז איז געשטאנען אין שכנות פון להבדיל א קלויסטער, און יעדן יאר ביים בויען די סוכה האט דער צדיק שטארק אכטונג געגעבן אז די סוכה זאל נישט שטיין אין שאטן פונעם קלויסטער.

אמאל, פאר סוכות, האט זיך געמאכט אז ר' מיכל'ע האט געמוזט אוועקפארן פונדערהיים, און זיינע הייליגע זוהן האבן אויפגעשטעלט די סוכה. ווען דער רבי איז אהיימגעקומען און געזען אז די סוכה שטייט אין שאטן פונעם קלויסטער, האט דאס אים זייער וויי געטאן, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט דאס צו רוקן.

סוכות ביינאכט, ווען מען האט אריינגערופן די רביצין, הצדיקת רעכל ע"ה, הערן קידוש, איז זי אנגעקומען צו דער טיר און גענומען ביטערליך וויינען. ר' מיכל'ע האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, און אויסגערופן אז ער וועט נישט מאכן קידוש ביז זי וועט זאגן פארוואס זי האט זיך צעוויינט. נאך פיל בקשות, האט די רביצין געזאגט די מורא'דיגע ווערטער: "דו ווייסט דאך, מיין הייליגער מאן, אז א גאנץ יאר פלאג איך זיך אין ארימקייט, איך האב קוים צו געבן א קינד ברויט צו דער זעט. ווען עס קומט אבער סוכות און איך קום הערן קידוש, זע איך די שבעה רועים, און דאס גיט מיר חיות אויף א גאנץ יאר. היינט, אבער, זע איך נישט די הייליגע אושפיזין, און איך האב מורא אז איך האב עפעס חוטא געווען!"

דער רבי האט איר בארואיגט אז זי איז גארנישט שולדיג דערין, נאר וויבאלד די סוכה איז אין שאטן פון קלויסטער קענען די געטליכע אושפיזין נישט קומען.

## מפייס געווען דעם קדושת יו"ט זי"ע

דער הייליגער צאנז'ער רב זי"ע פלעגט ביי די צווייטע נאכט פון סוכות ביי די אושפיזא פון יצחק אבינו זיך פירן צו רעגן. איינמאל ווען דער הייליגער צאנזער רב איז אריינגעקומען צום טיש, און אנגעהויבן צו זוכן אויף וואס זיך צו רעגן, האט אבער אלעס געקלאפט אויפן טיש, און דער דברי חיים האט נישט געהאט אויף וואס זיך צו רעגן, זיין זון הרה"ק רבי ברוך פון גארליץ זי"ע וואוסנדיג דעם ענין זיך צו רעגן, האט ער זיך געשטעלט נעבן די בענקל פון זיין הייליגן טאטן, און דער הייליגער קדוי"ט איז אויך געשטאנען אונטערן בענקל, ווען דער צאנזער רב האט אנגעגאסן די בעכער צו מאכן קידוש, האט דער גארליצער רב געגעבן א שטופ דעם קדושת יו"ט, און דורך דעם האט זיך געגעבן א שטופ די האנט פון הייליגן דברי חיים און עס האט אראפ געטראפט ווין אויף זיין נייע בעקיטשע, דער דברי חיים האט זיך אנגעהויבן צו רעגן און שרייען אויפן קול: "ממון איז דמים מען וועט דארפן באצאלן עד פרוטה אחרונה", אבער אינמיטן די סעודה, האט דער דברי חיים צוגערופן דעם קדושת יו"ט, און אים געזאגט, "ליפא'לע מיין ליפא'לע, מיר האבן ליב ערליכע אידן", און האט אים געזעצט אויפן שטול וואס איז געווען צוגעגרייט פאר די אושפיזין. (אזוי ווי עס איז געווען די מנהג אין צאנז צו צוגרייטן א בענקל פאר די אושפיזין).

## די אושפיזין זענען אנגעטוהן מיט סטראקעס

אין ספר "אמרי דבש" ווערט געברענגט אין נאמען פון הרה"ק רבי מרדכי'לע מנדבורנה זי"ע, די פאלגנדע מעשה: געווען איז דאס איין יאר ווען דער הייליגער מאור ושמש זי"ע האט זיך מסתופף געווען אויף יו"ט סוכות ביי זיין רבין דער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק. ערב יו"ט נאכמיטאג האט דער נועם אלימלך געהייסן דעם מאור ושמש ער זאל זיך אנשפארן צו שעפן אביסל כוחות אויפן בעפארשטייענדן יו"ט, זאגנדיג אז ער זאל דאס טון כדי אז ער זאל נישט איינשלאפן ביינאכט. דער מאור ושמש האט געפאלגט און האט זיך צוגעלייגט.

ביינאכט אריינקומענדיג אין די סוכה, איז אים פלוצלינג באפאלן א שרעקליכער מידעניש, ער האט נישט געקענט אפן האלטן די אויגן און ער איז טאקע אנטשלאפן געווארן. אזוי דרימלנדיג האלב-וועגס הערט דער מאור ושמש ווי דער רבי ר' אלימלך זי"ע הייבט אן צו זאגן 'אזמין לסעודתי אושפיזין עילאין' און פון די טיר קומען אריין אין די סוכה די הייליגע אבות הקדושים. און זיי זענען געגאנגען מיט סטראקעס. אזוי האט ער פארציילט.

## ד' מינים

## געביטן אן אתרוג אויף א פערד

הרה"ק ר' מרדכי פון נעשכיז זי"ע, האט זיין גאנץ לעבן געלעבט זייער ארעם, א גאנצע וואך פלעגט ער עסן נאר ברויט מיט זאלץ, און שבת האט ער געגעסן אביסל פיש צו דעם. אבער א גאנץ יאר האט ער טראץ זיין ארעמקייט געשפארט א יעדע פרוטה אויף א שיינעם אתרוג. איין יאר איז דער צדיק געפארן אין די שטאט ברודא צו קויפן א שיינעם אתרוג, און מיטגענומען מיט זיך א סכום פון 10 רובל, וואס ער האט אפגעשפארט במשך'ן יאר. גייענדיג אויפן וועג, האט דער צדיק באמערקט ווי עס זיצט אן איד וואס וויינט ביטערליך, איז דער צדיק צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט מיט וואס ער קען אים העלפן, האט דער איד אנגעהויבן צו דערציילן: "איך בין א וואסער טרעגער איבערן יאר, איך האב געבארגט א פערד און וואגן צו קענען שלעפן די פיל עמערס וואסער צו פארקויפן פאר אידן אויף יו"ט. יעצט, גייענדיג אויפן וועג, איז די פערד פלוצלינג געשטארבן, דא האלט מען יעצט פאר יו"ט און איך האב נישט מיט וואס צו שפייזן מיין ווייב און קינדער". דער צדיק האט נישט געקענט קיין סאך געטראכט, ער האט ארויסגענומען פון זיין טאש די גאנצע 10 רובל און עס דערלאנגט דעם איד, ער זאל קענען קויפן דערמיט א נייעם פערד'ל. דער צדיק פון נעשכיז איז צוריק אהיים געפארן מיט ליידיגע הענט אן געלט און אן אן אתרוג. אהיימקומענדיג, האט זיך דער צדיק אנגערופן פאר זיינע נאנטע מיט גרויס פרייד: "געלויבט איז דער באשעפער וואס האט מיר געגעבן דאס יאר א פרי עץ הדר, א הדר שבהידורים און דאס יאר, וועלן אלע אידן פון נעשכיז מאכן א ברכה אויף אן אתרוג, און איך וועלן מאכן א ברכה אויף די פערד".

## "אה! אן אתרוג!"

הגה"ק ר' איציקל סטיטשינער זי"ע האט דערציילט אז אין דער צייט פון זיין זיידן, הגה"ק מראפשיץ זי"ע איז איין יאר נישט געווען מעגליך צו באקומען קיין אתרוג פאר קיין געלט. אין קראקא האט דאן געוואוינט א פרוי, א גרויסע עשירה פון דער משפחה פיצאליס, און זי האט געהערט אז עס איז דא אין שטאט איין אתרוג צו פארקויפן אבער פאר א פאנטאסטיש הויכע סומע. זי האט געזאגט אז זי איז גרייט אוועקצוגעבן איר גאנץ פארמעגן כדי צו קויפן דעם אתרוג פארן הייליגן ראפשיצער רב זי"ע, און זי האט אזוי געטאן.

זי האט געשיקט דעם אתרוג מיטן פאסט באן, און זי האט געהייסן דעם פאסטמאן אז ביים דורכפארן נעבן דער סוכה פונם ראפשיצער זאל ער פייפן מיט זיין פייפער אלס צייכן אז ער האט א פעקל פארן רבי'ן.

"דער זיידע איז אריינגעקומען יענעם סוכות זאגן הלל אָן אַן אתרוג", האט ר' איציקל ווייטער דערציילט, "א שטיגער ער וואלט געזאגט הלל אום שבועות!..."

נאכ'ן דאווענען איז דער ראפשיצער אריין צום יום טוב'דיגן טיש. אינמיטן פירן טיש האט מען געהערט א פייף פונעם פאסטמאן, און דער ראפשיצער האט זיך אנגערופן, "אה! אן אתרוג!"

באלד ווי ער האט באקומען דעם אתרוג האט ער געבענטשט אויף די ד׳ מינים בשמחה רבה, און געזאגט, "שרייבט אן אין קוימען (אן אויסדרוק צו ווייזן אויף דער אמת׳דיגקייט פון די קומענדיגע ווערטער, אז מען קען עס אויפשרייבן אויפן קוימען כדי מען זאל קענען זען צי עס איז מקוים געווארן) אז מיר וועלן האבן אייניקלעך בשותפות!"

וכך הוה: זיין אייניקל, דער אמרי נועם, איז געווארן אן איידעם ביי משפחת פיצאליס.

## אלעס מקבל געווען באהבה

דער הייליגער רבי ר׳ מיכל פון זלאטשוב זי"ע, האט געהאט ביי זיך טייערע תפילין, א ירושה פון זיין הייליגן טאטן ר׳ יצחק דראהביטש׳ער זי"ע. די תפילין איז געווען די טייערסטע זאך ביי אים, אסאך חסידים רייכע מענטשן, האבן דאס געוואלט אפקויפן אבער ער האט קיינמאל נישט געוואלט. זיין רעבעצין האט אים זייער געבעטן ער זאל דאס פארקויפן, ער זאל האבן עפעס ברויט פאר די קינדער, אבער ער איז געשטאנען ביי זיינס און האט דאס נישט פארקויפט. איין יאר האט זיך געמאכט, אז עס איז נישט געווען צו באקומען אתרוגים אין זיין גאנצן געגנט, עס איז שוין באלד סוכות און אין זלאטשוב איז נאך קיין אתרוג נישטא. פלוצלונג איז אנגעקומען אן איד צו ר׳ מיכל׳ע, מיט א שיינעם מהודר׳דיגן אתרוג, ר׳ מיכעלע האט נישט קיין סאך געטראכט, ער האט פארקויפט די טייערע תפילין און מיט די געלט האט ער געקויפט דעם אתרוג. דער הייליגער מגיד איז גלייך אהיים געלאפן דערפרייען די רעבעצין, אבער זיין רעבעצין, אנשטאט זיך צו פרייען מיט אים, האט זי אויסגעשריגן: "דיינע קינדער הונגערן נאך א שטיקל ברויט, האסטו קיינמאל נישט געוואלט פארקויפן די תפילין, און יעצט, פאר א אתרוג האסטו גלייך פארקויפט די תפילין?" און אינמיטן די כעס איז די אתרוג אראפגעפאלן און עס איז פסול געווארן. האט זיך ר׳ מיכעלע גארנישט וויסנדיג געמאכט, נאר ער האט אויסגערופן: "הייליגער טאטע אין הימל, תפילין האב איך נישט, אן אתרוג אויף סוכות האב איך נישט, זאל איך ח"ו קומען לידי כעס און פארשטערן די שלום בית ביי מיר אין שטוב? חלילה! איך בין אלעס מקבל באהבה". די ערשטע נאכט סוכות האט זיך זיין הייליגער טאטע ר׳ יצחק פון דראהביטש באוויזן פאר אים אין חלום און געזאגט: "מיין קינד, די לעצטע זאך אז דו האסט נישט מקפיד געווען האט דאס אין הימל געמאכט א גרעסערן רושם פון דעם וואס דו האסט פארקויפט די תפילין פאר די אתרוג".

# שמחת תורה

## דער טאטע און זיידע זענען דא

עס האט פארציילט מרן הגאב"ד וראש ישיבתינו הגה"ק רבי משה ארי׳ פריינד זי"ע: דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט געלאזט צוואה אז דער מענטש וואס וועט אים זען לאחר פטירתו, דעם זאל מען לייגן נעבן אים אין בית החיים נאך די פטירה.

איז געווען דעם שמחת תורה נאך די פטירה פונעם ייטב לב, בשעת די הקפות האט דער קדושת יו"ט זצ"ל געזאגט תורה מיט א שטארקע ברען, ווען אינמיטן האט ער זיך אויסגעדרוקט "פריידט ענק מיט די הייליגע תורה ווייל דער טאטע (דער ייטב לב) און דער סבא קדישא (דער ישמח משה) זענען דא צווישן אונז", תיכף נאכ׳ן זאגן די ווערטער האט דער קדושת יו"ט געשפירט אז ער האט זיך ארויסגעכאפט, און ער האט זיך תיכף מתנצל געווען אז דאס איז נאר געווען א שיגרא דלישנא וואס ער איז געווען געוואוינט צו הערן פון טאטן דעם ייטב לב זי"ע.

האט זיך אנגערופן דער ראש הקהל הגביר הצדיק ר׳ משה ארי׳ פריינד ז"ל, ענק חסידים קען דער רבי אויסנארן און זאגן אז ער האט גארנישט געזען, אבער מיך קען ער נישט פאפן, ווארום איך זע דאך אויך דעם רב דא! און מען האט טאקע באערדיגט דעם קדושת יו"ט נעבן זיין טאטן זי"ע, און רבי משה ארי׳ ליגט נעבן דעם אוהל פונעם ייטב לב זי"ע.

## שמיני "רגל" בפני עצמו

עס ווערט דערציילט אויף רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, איין יאר האבן די דאקטוירים אים אנגעווארנט נישט צו טאנצן די הקפות, וויבאלד זיינע ווייעדיגע פיס קענען דאס נישט דערהויבן.

ווען עס איז אנגעקומען שמחת תורה און דער רבי האט געטאנצט ווי געהעריג, האט ער דאן געזאגט ׳שמיני רגל בפני עצמו׳ אויף שמיני עצרת באקומט מען אן עקסטערע פוס...

איין יאר נאך די הקפות ווען דער רבי איז אהיים געקומען און מען האט געטוישט די זאקן פון רבי׳ן, און פון איין פוס האט געטריפט בלוט, האט מען אים געפרעגט ווי אזוי וועט מען קענען טאנצן מארגן די הקפות אזוי?, האט דער רבי געענטפערט מיט די מימרא פון הרה"ק דער רבי ר׳ מענדעלע מרימנוב זצ"ל, וואס האט געזאגט "פיסעלעך פיסעלעך הייבט ענק לכבוד די הייליגע תורה, עס וועט קומען די צייט וואס עטך וועטך שוין רוען און רוען..."

(תפארת יואל)

## חיים של שמחה

דער סקולענער רבי זי"ע פלעגט דערציילן אום שמחת תורה די מעשה פון הייליגן לובלינער, אז אמאל איז א חסיד געקומען צו פארן אויף יו"ט צום הייליגן חוזה פון לובלין, און אזוי ווי ער איז אריין געבן שלום פארן חוזה, האט אים דער חוזה געזאגט אז ער זאל שוין אהיימפארן. דער חסיד איז געווארן צוטומלט און האט נישט פארשטאנען פשט אין די רייד. נאך א טאג-צוויי, האט דער חוזה באמערקט ווי ער דרייט זיך נאך אין הויף, האט ער אים א פרעג געטאן, "דו ביזט נאך אלס דא? פאק שוין פעק און פאר אהיים!"

דא האט ער שוין געזען אז דער רבי מיינט עס ערנסט, האט ער זיך ארויסגעלאזט אהיים צובראכענערהייט. אונטערוועגס האט ער זיך אפגעשטעלט אין א קרעטשמע, וואו ער האט פונקט אנגעטראפן א גרופע חסידים וואס האבן געהאלטן אינמיטן וועג פארנדיג צום חוזה. אזוי ווי זיי האבן באמערקט ווי דער חסיד זיצט אין א זייט צובראכן, האבן זיי אים געפרעגט וואס אים דריקט. ער האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פאר זיי, דערציילנדיג וואס דער חוזה האט אים געזאגט.

די חסידים האבן אבער נישט מסכים געווען צו דעם. זיי האבן באשטעלט משקה און מחזק געווען דעם חסיד, און זענען ארויס אין א פרייליכן טאנץ, דערמוטיגנדיג אים אז א איד טאר נישט זיין צובראכן און ער קומט שוין יעצט מיט זיי צוריק צום רבי׳ן...

דער חסיד איז געווארן אויפגעמונטערט, און איז מיט זיי צוריקגעפארן צום הייליגן חוזה. אנקומענדיג, האט ער נאכאמאל געגומען שלום ביים חוזה, און דער חוזה האט אים צוריקגעגעבן, כאילו קיין זאך וואלט נישט פאסירט.

אזוי איז דער יו"ט פאריבער אין א געהויבענע שטימונג. נאך יו"ט, האט דער חסיד זיך געוואגט און געפרעגט דעם חוזה פארוואס ערב יום טוב האט ער אים פארשיקט, און דערנאך האט ער אים געלאזט בלייבן. האט דער חוזה אים געענטפערט: "וויסן זאלסטו, אז ווען דו ביזט געקומען דא צום ערשטן מאל, האב איך געזען אויף דיר אז ס׳איז נגזר געווארן אז דו זאלסט ל"ע שטארבן דעם יו"ט, האב איך דעריבער געוואלט אז דו זאלסט זיין אינדערהיים אין דיינע לעצטע טעג. "אבער" האט ער אויסגעפירט, "וואס די חסידים מיט זייער שמחה האבן אויסגע׳פועל׳ט אז די גזירה זאל בטל ווערן, דאס האב איך אליין נישט געקענט!"

האט דער סקולענער רבי אויסגעפירט: "דורכדעם וואס מען טאנצט און מען פריידט זיך שמחת תורה, האט מען אזא כח אויסצו׳פועל׳ן אלעס גוטס, אפילו דאס וואס מען האט נישט געקענט אויס׳פועל׳ן ראש השנה און יום כיפור!"

# אוצר רבותינו

***דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע, פלעגט זאגן דעם "באקאנטן משל", יעדעס יאר "הושענא רבא", און נאך אים האבן זיך אזוי געפירט רבותינו הקדושים, מרן בעל דברי יואל זי"ע, ומרן בעל ברך משה זי"ע, צו אנהייבן די דרשה יעדעס יאר הושענא רבא, מיט דעם משל, און דערמיט מעורר געווען דעם ציבור. אזוי אויך פירט זיך כ"ק מרן רבינו שליט"א, יעדעס יאר צו נאכזאגן דעם משל מיט בכיות עצומות.***

## *פאלגנד מיר ברענגען אראפ א חלק פון די "הושענא רבא דרשה" בשנת תשס"ד לפ"ק פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א*

אין אזא הייליגן טאג הושענא רבה, ס'איז די גמר פון די ימי הדין, און מען דארף האבן געוואלדיגע זכותים אין אזא געהויבענעם טאג, איז כדאי צו זאגן דיבורי קודש וואס מיר האבן געהערט, וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם פעטער ז"ל אזויפיהל מאל, און [להבחל"ח] דער טאטע [זאל זיין געזונט] (זי"ע) פלעגט אלץ נאך צו זאגן דאסווארט פונעם זיידן ז"ל דער קדושת יו"ט, ער האט נאכגעזאגט אין הושענא רבה ווען מען האט אנגעהויבן צו זאגן הושענא למענך אלקינו, מיט א משל, עס איז געווען א גרויסער מעכטיגער מלך, א מלך אדיר, א רחמנות'דיגער מלך, וואס איז געווען מלא רחמים, האט ער געהאט א מנהג יעדעס יאר ארויס צו פארן אין די מדינות וואס זענען אינטער זיין ממשלה, און זיך אומקוקן וויאזוי עס פירט זיך די מדינה, צו מען איז נישט חלילה עובר אויף די חוקי המלך, אין יעדער איינער וואס האט עפעס א בקשה צום מלך, ער איז געווען א רחמנות'דיגער מלך א טוב ומטיב!, ווי ער איז געקומען אויף יעדע מקום האט ער ממלא געווען די בקשות פון די וואס האבן געבעטן פונעם מלך, און ער האט מוחל געווען די וואס האבן ממרה געווען, אז ער האט מפייס געווען דעם מלך!, אז מען האט געבעטן סליחה ומחילה, האט דער מלך מוחל געווען יעדן איינעם, און געגעבן וואס מען האט געדארפט, אזוי האט זיך געפירט דער מלך.

איידער דער מלך איז נאך אנגעקומען אין שטאט, איידער ער איז נאך אנגעקומען אויף דעם מקום, איז ארויסגעגאנגען די כרוזים אז ביום פלוני ופלוני קומט אן דער מלך, ער גייט זיך באווייזן אין שטאט!, און ווער עס האט עפעס א בקשה ווער עס וויל גיין, יעדער דערביטערטע הארץ האט א פלאץ ביים מלך!, א מלך רחום, ער קען יעדעם העלפן...!

זעס ענען שוין ארויסגעגאנגען די כרוזים, ווער עס איז געווען א בר דעת, האט דערהערט דעם כרוז, ער האט זיך מקדים מקדים געווען, און געגאנגען מקבל פנים זיין דעם מלך, ער איז צוגעקומען צום מלך און האט פארגעלייגט זיינע בקשות וואס ער האט צום מלך, און האט זיך געבעטן אז דער מלך זאל איהם מוחל זיין וואס ער האט חוטא געווען, דער מלך האט תיכף ממלא געווען די בקשות און געגעבן וואס מ'האט געדארפט צו געבן, און מ'איז אריינגעקומען אין שטאט צוזאמען מיטן מלך בשמחה רבה, מען האט געהאט התקרבות צום מלך, דאס זענען געווען די בעלי דעת, די וואס האבן געהאט שכל ארויסצוגיין מקבל פנים זיין דער מלך.

אבער אפילו דער וואס איז נישט געווען אין די בחינה, אבער ווען עס איז ארויסגעגאנגען דער כרוז אז דער מלך איז אנגעקומען אין שטאט, ער איז שוין דא, ער איז שוין פארהאנען, איז ווער עס האט געהאט אביסל שכל, און פארשטאנען אז יעצט איז דער ריכטיגער זמן וואס מען קען צוקומען צום מלך, דער מלך האט זיך באוויזן דא...!, און ער נעמט אויף יעדן איינעם און הערט אויס יעדן איינעם, יעדער צובראכן הארץ האט א מקום ביים מלך, און ווער האט נישט קיין שכל אין אזא צייט צו קומען צום מלך און איבערבעטן דעם מלך, און זיך אויסבעטן ביים מלך וואס מען דארף בקשת רבות, און דער מלך האט יעדן צוגעטיילט מידו הרחבה מיט א ברייטע האנט, אלעס וואס מען האט געדארפט, יעדער האט באקומען די מחסורו אשר יחסר לו, דאס איז געווען ווילאנג דער מלך איז דא אין שטאט.

אבער ווען עס גייט אדורך דער זמן, און ס'איז אנגעקומען דער לעצטער טאג, די כרוזים גייען ארויס, מען האט אויסגערופן עס איז דער לעצטער טאג וואס דער מלך איז דא...!, דער מלך געזעגנט זיך שוין פון שטאט!, ער פארט שוין אהיים...! דער וואס נאך געהאט עפעס צו בעטן קען נאך אריינכאפן, און ער קען נאך קומען צום מלך ווילאנג דער מלך איז נאך דא...!, אפילו ווער עס האט געשפעטיגט קען נאך אלץ צוקומען...!.

אבער אין אזא צייט איז דאך קושיא גדולה א שטארקע קשיא, מען פרעגט דעם מענטש "אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית לגבאי"!, פארוואס ביסטו נישט געקומען ביז יעצט?!, ווי ביסטו געווען אזוי געווארט...?!, ווי ביסטו געווען אזוי לאנג...!, אויסגעווארט דעם לעצטן מינוט אין דעם טאג...!, עס איז דאך א גרויסע בושה...!, אוי לאותו בושה אוי לאותו כלימה...!, עס איז נישטא וואס צו ענטפערן!.

נאר אז מען קומט אין די אינטערעסע פון מלך, אז מען קומט נישט פאר די אייגענע בקשה, נאר אויף דעם מלך'ס כבוד!..., איז נישטא קיין קשיא אלעמאל איז די צייט...!, אין די לעצטע מינוט קען מען צוקומען!, אוי אזוי האט דער זיידע ז"ל געזאגט דעם משל.

דער נמשל איז מובן מאליו, השי"ת איז דער גרויסער מעכטיגער מלך, ער איז דאך שולט בעליונים ותחתונים, און ער פירט דאך די גאנצע בריאה איבעראל...!, ער האט צוגעטיילט א זמן וואס ער קומט ער באוויזט זיך אויף דעם עולם, דאס זענען די הייליגע טעג ראש השנה, עשרת ימי תשובה, עס קומט חודש אלול מען הייבט אן צו בלאזן שופר, מען הייבט אן מכריז צו זיין דער מלך קומט אן אין שטאט!, ווער ס'וויל צוקומען צום מלך דער וועט קענען צוקומען, דער וואס האט עפעס א בקשה צום גרויסן מלך קען צוקומען און זיך אויסבעטן!, ווער עס איז א בר דעת האט שכל, איז זיך מקדים אין חודש אלול, מען קומט צו צום מלך אין חודש אלול!. - ווי די ספרים טייטשן (עיין עבודת ישראל לאלול) אחורי ארי ולא אחורי אשה (ברכות סא.), מען זאל גיין מקדים דעם מלך אין חודש אלול, וואס איז נאך מזל ארי (חודש אב הוא מזל ארי), און נישט ווארטן ביז חודש תשרי וואס דאס איז נאך מזל בתולה (חודש אלול הוא מזל בתולה). - מען בעהט זיך אויס אלעס וואס מען דארף, אלע בקשות, אלע צובראכענע הערצער, מען קומט אריין מיטן מלך בשמחה רבה, א געהאלפענער און אויסגע'פועל'ט די ישועה...! דאס איז אז מען האט שכל זיך מקדים צו זיין, אבער אפילו נישט - עס קומט אן דער הייליגער טאג ראש השנה און מען הייבט אן צו בלאזן שופר, אין ווי רבי סעדיה גאון זאגט (הובא באבודרהם סדר תפלת ראש השנה) אז דער טעם פון תקיעת שופר ווייל דרך המלכים לתוקע לפניהם, בלאזט מען דאך שופר צו דערמאנען אז דער מלך איז דא אין שטאט...!, אז ער געפינט זיך שוין דא יעדער קען צוקומען, דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב (ישעיה נה ו), ווען ער איז נאנט!, ווער עס האט א בקשה ווער עס האט א צובראכן הארץ!, עס זענען דא אזויפיל צובראכענע הערצער ביי אידישע קינדער....! און מען קען צוקומען צום הייליגן גרויסן מלך...!, דער מלך יושב על כסא רם ונשא....!, ווען עס איז באיתגליא אויף דעם עולם השפל...! מען קען זיך אויסבעטן וואס מען דארף, מען קען זיך אויסבעטן ישועות אין רפואות אלע בקשות וואס עמך ישראל דארפן האבן...! אין אזא צייט יעדער קומט טאקע צו און דער וואס האט חוטא געווען קומט מפייס צו זיין דעם מלך!, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט (הלכות תשובה פ"ג ה"ד) אז דער טעם פון תקיעת שופר איז דאך ס'זאל מעורר זיין לתשובה, עורו ישנים משינתכם, מען זאל נתעורר ווערן צו תשובה, צו בארעכענען דאס הארץ פארן הייליגן באשעפער.

עכ"פ עס גייט אדורך ראש השנה, ס'איז אדורך עשרת ימי תשובה, און דער הייליגער טאג וואס איז מיוחד פאר א יום סליחה מחילה וכפרה, מען טוט אן בגדי לבנים, כנסת ישראל ווערט נתעלה נדמו כמלאכי עליון, ווער לאזט דען דורך אזא געהויבענעם זמן און פועל'ט נישט אויס ביים מלך וואס מען דארף.

אבער ווער עס האט דאס אויך געשפעטיגט, קומט נאך אן א יו"ט סוכות, א הייליגע יום טוב סוכות א זמן תשובה מאהבה, ס'איז דעמאלטס דא מצות סוכה און די מצוה פון ד' מינים וואס איז משפיע דעת, ווי דער זרע קודש זאגט (ליל א דסוכות) אז סוכות איז משפיע דעת, דאס הייסט אז מען זאל אריינכאפן אין דעם הייליגן יו"ט סוכות וואס מען קען נאך אריינכאפן - איך האב אינזין געהאט, עס שטייט אין זרע קודש (ליל א' דסוכות) אז דער שיעור סוכה איז שתים כהלכתו ושלישית אפילו טפח (סוכה ד:), זאגט דער זרע קודש אז דאס איז א צורה פון א אות ה'. קען זיין וואס איז דער רמז דייקא אויף אות ה', נאר ס'איז ידוע וואס דורשי רשומות (של"ה ריש מס' ראש השנה) זאגן אויפן פסוק (עמוס ג ח) ארי"ה שאג מי לא יירא, דאס איז ראשי תיבות א'לול ר'אש השנה י'ום הכיפורים ה'ושענא רבה, קומט אויס אז דער אות ה' ווייזט אויף הושענא רבה, (ולזה צורת הסוכה באות ה'), דאס קומט ווייזן אז ס'איז שוין דורך אלול ס'איז שוין אדורך ראש השנה, ס'איז שוין אדורך יום הכיפורים, ס'איז נאך פארבליבן דער ה', הושענא רבה איז נאך דא, יו"ט סוכות יעדן טאג אזעלכע געהויבענע זמנים, וואס מען קען נתקרב ווערן צום בורא כל עולמים, ס'איז אבער אדורך געגאנגען, דער יו"ט סוכות איז שוין אויך אדורך, עס איז נאך געבליבן דער איין איינציגער טאג, דער טאג פון הושענא רבה...!, די כרוזים גייען ארויס דער מלך געזעגנט זיך שוין...!, דער מלך פארט שוין אהיים...! ווער עס וויל נאך עפעס אריינכאפן ביים מלך, ווער עס האט נאך א בקשה צום גרויסן מלך, קען נאך יעצט צוקומען בעפאר ס'איז שפעט...!!, בעפאר דער מלך איז אוועקגעפארן...!, נו, ווער האט נישט קיין שכל אין אזא מצב צו קומען צו לויפן אין די לעצטע מינוט...!!, און זאגן אבינו מלכינו אונז דארפן מיר א ישועה...!!, אונז דארפן מיר געהאלפן ווערן...!!, עס זענען דא אזויפיל צובראכענע הערצער ביי כלל ישראל...!!, רבונו של עולם אזויפיל אידישע קינדער האבן אין זיך לבבות נשברות...!! פתח לנו שער בעת נעילת שער...!!, אוי, אידן בעטן זיך צום בורא כל עולמים!, מען וויל נאך אריינכאפן א ישועה....!!.

אבער די קשיא ווערט זייער שטארק, ווי ביסטו געווען ביז יעצט?!, וואס האסטו געשפעטיגט ביז יעצט?!, אין די לעצטע מינוט שטייסטו דא?!, אבער אז מען קומט פאר די אינטערעסע פונעם מלך איז נישטא קיין שפעט!, עס איז אלעמאל די צייט!, אידן קומען זיך צוזאמען אין אזא טאג און זענען מתפלל הושענא למענך אלקינו! פארן כבוד פונעם הייליגן באשעפער...!.

די דיבורי קודש זאגט מען נאך פונעם זיידן זכרונו לברכה, אזעלכע הייליגע ווערטער, אזעלכע מורא'דיגע ווערטער, יעדעס יאר הושענא רבה ווערט ווידער נתעורר מחדש די קשיא און דעם זעלבן תירוץ!.

# סוכות רעטענישן

וויפל מאל קענסטו טרעפן אין דעם קעסטל:

## "לולב" - "אתרג" - "ערבה" - "הדס"

(וויפל מאל יעדע ווארט עקסטער, און וויפל מאל אלע ווערטער צוזאמען)

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | ו | ל | ב | א | ת | ר | ג | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ר | ת | א | ב | ל | ו | ל |
| ו | ו | ו | ו | א | ת | ר | ג | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ר | ת | א | ו | ו | ו | ו |
| ל | ו | ל | ב | ל | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ר | ר | ת | ל | ב | ל | ו | ל |
| ב | ו | ב | ב | ד | ב | א | ג | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ג | ב | א | ב | ב | ב | ב |
| א | א | א | א | א | א | א | א | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | א | א | א | א | א | א | א | א |
| ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת |
| ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר |
| ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ה | ד | ס | ד | ה | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג |
| ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ד | ס | ד | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע |
| ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ס | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר |
| ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב |
| ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה |
| ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ס | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד |
| ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס | ס |
| ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ס | ד | ד | ד | ד | ד | ד | ד |
| ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ס | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה | ה |
| ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב | ב |
| ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ה | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר |
| ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ב | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע | ע |
| ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ר | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג | ג |
| ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ע | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר |
| ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ג | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת |
| א | א | א | א | א | א | ר | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א |
| ב | ב | ב | ב | א | ת | ר | ג | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ר | ת | א | ב | ב | ב | ב |
| ל | ו | ל | ב | א | ת | ר | ג | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ר | ת | א | ב | ל | ו | ל |
| ו | ו | ו | ב | ה | ת | ר | ג | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ר | ת | ה | ו | ו | ו | ו |
| ל | ו | ל | ב | ל | ת | ב | ג | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ר | ת | א | ב | ל | ו | ל |
| ו | ו | ו | ב | ל | ת | ב | ג | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ו | ת | א | ב | ו | ו | ו |
| ל | ו | ל | ב | א | ת | ר | ג | ע | ר | ב | ה | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ר | ת | א | ב | ל | ו | ל |
| ב | ב | ב | ב | ר | ת | ס | ג | ס | ר | ב | ס | ד | ס | ד | ה | ב | ר | ע | ג | ר | ת | ו | ב | ב | ל | ב |

אין פאלגנדן קעסטל,
דארף מען אריינלייגן די אותיות

**ו - כ - פ - ט - ד - ס - ד - מ - ע - נ**

די אותיות דארף מען אריינלייגן אויף אזא אופן, עס זאל ביי יעדע שורה אויסקומען א אנדער באגריף, וואס עס האט א קשר צו סוכות.

אין יעדע שורה פילט מען אויס בלויז 1 ווארט, יעדע ווארט פון אן אנדערן צאל אותיות.

עס קומט אויך אויס, אז ביי יעדע שורה זענען דא איבריגע אותיות, וואס ווערן נישט גענוצט.

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ש | מ | ג | ו | | ת | א | ג | ב |
| ה | ש | ב | ל | | ל | נ | מ | ד |
| ג | ר | מ | י | | ד | ה | ש | א |
| ת | ה | ה | ב | | ע | ב | ל | ק |
| פ | נ | ע | ה | | ו | ס | כ | ג |
| ג | ת | ו | נ | | ש | ו | ה | א |
| מ | י | ע | ו | | ע | נ | כ | כ |
| ה | ד | ע | ו | | ה | ל | ו | ח |
| ט | ז | ב | ו | | מ | ו | י | ח |
| י | ת | ו | נ | | ד | ס | ד | מ |

# "אושפיזין" סודאקא פאזעל

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | יוסף | יצחק | | | משה | | אושפיזין |
| | | | | | | | דוד | יצחק |
| יעקב | יצחק | אושפיזין | משה | | | | עילאין | אברהם |
| | עילאין | | | דוד | | | | משה |
| | אהרן | | יוסף | | יעקב | | אברהם | |
| יצחק | | | | משה | | | אושפיזין | |
| אהרן | יעקב | | | | אושפיזין | אברהם | משה | עילאין |
| משה | יוסף | | | | | | | |
| אברהם | | עילאין | | | משה | דוד | | |

לכבוד סוכות האבן מיר א סודאקא קעסטל פון די נעמען פון די הייליגע "אושפיזין עילאין".

דער "אושפיזין סודאקא" האט די זעלבע כללים ווי די קביעות'דיגע סודאקא'ס וואס מיר ברענגען דא פון צייט צו צייט.

פיל אן די ליידיגע קעסטלעך אז אין יעדן קעסטל פון 9=3X3, און אין די רייעס פון אויבן אראפ, און אויך אין די 9 רייעס פון רעכטס צו לינקס. זאלן זיין נאר איינמאל די ניין ווערטער: **"אושפיזין עילאין אברהם יצחק יעקב משה אהרן יוסף דוד".**

דער קעסטל איז צוזאמגעשטעלט פון 9 אזעלבע קעסטלעך.

# ריקן קעסטל

ריק די אותיות פון די שורות פון רעכטס צו לינקס, (מען מוז נישט ריקן אלע שורות)

אז אין איין שורה פון אויבן אויף א אראפ, זאלסטו טרעפן א ברכה וואס מיר זאגן סוכות

- הייב אן פון די אנגעצייכנטע "ע" -

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ו | ה | י | ג | ע | נ | ו | ל | ז | מ | ן | | | | |
| א | ת | ה | ה | ל | ל | | | | | | | | | |
| א | ו | ש | פ | ז | י | נ | | | | | | | | |
| מ | ו | ר | י | ד | ה | ט | ל | | | | | | | |
| ל | י | ש | ב | ב | ס | ו | כ | ה | | | | | | |
| ח | ו | ל | ה | מ | ו | ע | ד | | | | | | | |
| ש | מ | ח | ת | ב | י | ת | ה | ש | ו | א | ב | ה | | |
| נ | ט | י | ל | ת | ל | ו | ל | ב | | | | | | |
| ע | ר | ב | ו | ת | | | | | | | | | | |
| ה | ו | ש | ע | נ | א | ל | מ | ע | נ | ך | | | | |
| ת | ש | ב | ו | ב | ס | ו | כ | ת | | | | | | |